Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
ץערעפ ,שיקראמ

Mosḳṿe, 1943

עגלָאוו רעד וצ!

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

## צו דער וואָלגע!

צעוואָרפן דער יאַם האָט זיך גאָלדיק,
קיין ברעג זעט אינערגעצ זיך אָן;
שוואַרציאַמיקע זין אַפּ דער וואָלגע,
שוואַרציאַמיקע זין אַפּן דאָן!

מיט האַס ווי מיט זעגלען באַפליגלט,
פון יאַם — אַפּ קאַזאַקישע פערד.
פאַרבראָכענע ווערבעס זיך וויגן,
געבויגן די קעפּ צו דער ערד!

זיי קושן די טריט באַ די רײַטער
און בעטן מיט גרינס זיי דעם וועג.
צעשפּרייט האָט דער יאַם זיך אַפּ וויַטן,
מע זעט ניט אינערגעצ קיין ברעג.

אַ וואָלקן זיך יאָגט נאָך אַ וואָלקן,
דעם האַרצ פונעם היימלאַנד זיי דראָען —
שוואַרציאַמיקע זין אַפּ דער וואָלגע,
שוואַרציאַמיקע זין אַפּן דאָן!

פון זון און פון בלוט אַ געוועב איז,
און שאַרפּ ווי אַ שפּיז יעדער זאַנג —
אַפּ סאַלסקער באַגאָלדיקטע סטעפּעס
זיך טראָגט אַ מאַטראָסיש געזאַנג!

ס'איז האַרטער פון שטיין און פון פעלדזן
מאַטראָסישער צאָרן און האַס.
זיי האָבן אין קייטן צעשטעלט זיך —
אַ פּאַנצער דעם גרויען קאַווקאַז.

קיין אײַנציקן טראָט ניט פונדאַנען,
ניט לאָזן אינערגעצ קיין שפּאַר —
אין בלוט איז דאָס ברויט דאָס קובאַנער,
דער נאַפט פון באַקו — אין געפאַר.

מאַטראָסן, געכאָוועט פון יאַמען,
קאַזאַקן, געשטאָלטע פון בערג,

דעם סוינע די וועגן פֿאַרצאַמען
מיט בליץ פֿון פֿאַרניכטנדער שווערד!

א בוים אין אן אורוואַלד פֿאַרוואַנדלען,
פֿאַרוואַנדלען א שטיין אין א באַרג!
ניט דורכגיין דער פֿײַנט זאָל דעם ראַנד דאָ,
אַפֿ יעטווידן טראָט — אים דערוואַרג!

צעטרייבערט זײַן בלוטיקן גאָרגל,
זײַן שאַרבן אַפֿ שפּיזן טוט אָן,
שוואַרציאַמיקע זין אַפֿ דער וואָלגע,
שוואַרציאַמיקע זין אַפֿן דאָן!

דאָס הייליקע אַש סעוואַסטאָפּאָלס
אין פֿלאַמען זיך טראָגט — א געבאָט:
— פֿאָרויס! ס׳איז געפֿאַר ניט קיין אָפּהאַלט!
— צוריק ניט קיין איינציקן טראָט!

עס גריסן אײַך ברידער פֿון צאָפֿן —
די ריטער פֿון שטאָט לענינגראַד;
דער יאַם האָט אַפֿ ווײַט זיך צעוואָרפֿן,
מיט שטורעמווינט גרײַפֿנד און גראַד!

דעם אָנגריף פֿון סוינע ניט וואַרט זשע,
אים טאָן לאָזט אינערגעץ קיין טריט —
א שליופּקע זאָל ווערן א באַרזשע!
א באַרזשע זאָל ווערן א שיף!

און פֿײַער פֿון יעטווידע זײַטן,
באַגראָבט אים אַפֿ יעטווידן וועג!
צעשפּרייט האָט דער יאַם זיך אַפֿ ווײַטן,
מע זעט ניט אינערגעץ קיין ברעג.

עס בענטשט אַפֿ נעקאָמע דאָס פֿאָלק אײַך,
אין האַס און אין צאָרן פֿאַרטאָן,
שוואַרציאַמיקע זין אַפֿ דער וואָלגע,
שוואַרציאַמיקע זין אַפֿן דאָן!

★✦★